# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות......................8:05
מוצאי שב"ק......................9:35

**שיעורים כסדרן**
נ"ך......................זכריה י"ב-י"ג
בבלי..............עבודה זרה ל"א
ירושלמי..............כתובות כ"ג
תוספתא..............שבועות א'
רמב"ם..............זכיה ומתנה ג'


פרשת פנחס, כ"ג תמוז, מברכים חודש אב, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק א'

שנה 14, גליון 43 (711)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה וְגוֹ', שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאלְט נָאךְ אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, נָאכְדֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען לַיידֶער אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶנְט אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מַגֵּיפָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק, "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ דִי מַגֵּיפָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל נָאכְאַמָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר (א, א): "מִתּוֹךְ חִבָּתָן לְפָנָיו מוֹנֶה אוֹתָם כָּל שָׁעָה", יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען צֵיילְט דִי אִידְן אִיז עֶס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן; וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל יֶעצְט לִיבּ הָאבְּן דִי אִידְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ יֶעצְט גֶעזִינְדִיגְט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָּרוֹן, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ "אִיךְ פַארְגֶעס שְׁנֶעל", מֶען קוּקְט עֶס אָן וִוי אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז שִׁכְחָה אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ וֵוייס דָאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, וִוי קֶען אִיךְ גֵיין דַאוֶונֶען? וִוי קֶען אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען?' אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַּארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען. קֶען עֶר אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי, 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דַאוֶונֶען', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט לֶערְנֶען', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם. דֶער עִיקָּר אִיז נָאר נוֹגֵעַ וָואס אִיז 'יֶעצְט', בִּכְלָל נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר. עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן אוּן יֶענְץ גֶעטוּן. וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעצְט.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַרוֹיס אַז דִי זַאךְ פוּן שִׁכְחָה, פַּארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ אִיד צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט וָואס עֶר אִיז אַלְץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, דָאס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן, וּבִפְרַט בַּיים דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אַלְץ קוּמְט אִים אַרַיין אִין מֹחַ אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, יֶענְץ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דָא הָאט עֶר גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן לָאזְט אִים נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, וִוי נָאר אִיךְ ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, אִיךְ גֵיי וֶוערְן פוּן יֶעצְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי יֶעצְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וִוי נָאר מֶען הַאלְט שׁוֹין "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", דִי מַגֵּיפָה אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, מֶען הָאט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען גֵייט פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אִיךְ ווִיל מֶען זָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן ווִי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי אִידְן וַוייל עֶר הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ.

דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט אַלְץ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט'ן עָבָר, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", אִיבֶּעְרָאל וואוּ עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט 'וַיְהִי'– 'עֶס אִיז גֶעוֶוען', אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, אוּן 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה. מוֹהֲרַא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז מֶען קוּקְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן צַעַר, דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף מִיט זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט', 'אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרֶע צָרוֹת אִין לֶעבְּן– הָאט מֶען דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, אָבֶּער 'וְהָיָה' - אַז מֶען קוּקְט אוֹיף וַוייטֶער, מֶען טְרַאכְט: עֶס גֵייט זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען, אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, - אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ. אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ אַ צָרָה, אִיךְ דַארְף אַ רְפוּאָה וְכַדּוֹמֶה, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָּה וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט, מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן מִיט תְּפִילָּה צוּם גוּטְן, 'אֵיי, אֶפְשָׁר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען?', אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה: "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", אַז מֶען ווִיל זַיין גוּט, קֶען מֶען צֵיילְן דִי אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, פִּנְחָס תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אָב

דֶעם שַׁבָּת גֵייעֶן מִיר שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵיי טוֹיזֶנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם

<<<<<<

## א גוט ווארט

דָאס אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אָן שְׁוֶוער צוּ רוּפְן אֵייעֶר מַאמֶע וְכוּ'; וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר, אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", אוּן אִיר וֶועט זִיךְ מִיט דֶעם מֶער דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט צוּ שֶׁעצְן עֶלְטֶערְן בִּיז מֶען וֶוערְט אַלֵיין פַארְעֶלְטֶערְט, אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט. אִינְגֶעלַייט אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ לֵייגְן נִישְׁט צוּ קָאפּ צוּ רוּפְן עֶלְטֶערְן, בַּאזוּכְן עֶלְטֶערְן, מְחַיֶּ' זַיין עֶלְטֶערְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער רַייסְט עֶס אִין הַארְץ, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט.

רוּפְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, בִּפְרַט אֵייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ', אוּן וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט אַז זִי זָאגְט אַייךְ וָואס צוּ טוּן, וַוייל מוּסָר פוּן אַ מַאמֶע אִיז אַזוֹי גוּט, וּבִזְכוּת וָואס אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶר מַאמֶע וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט יְשׁוּעוֹת. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"ה)




דער מולד וועט זיין: פרייטאג אינדערפרי 42 מינוט און 5 חלקים נאך 10 | ראש חודש מנחם אב יהיה ביום השבת קודש

בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# נִישְׁט קְרִיגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט מַחְשָׁבוֹת וֶוערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן עֶרְגֶער, דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן דִי יֵצֶר הָרָע, וְוי מֶער מֶען עֶנְטְפֶערְט אִים – וֶוערְט עֶר שְׁטֶערְקֶער, דֶערִיבֶּער וְויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען אוּן זֵיי זָאגְן אַייךְ אִיר גֵייט פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנּוֹם - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט וְוִיסְנְדִיג מַאכְן, עֶנְטְפֶערְט זֵיי ׳אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גֵיהִנּוֹם וֶועל אִיךְ אָבֶּער נָאכְדֶעם זִיצְן אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע פְרוֹיעֶן׳.

אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (שְׁלַח, דַף קסז:), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעשִׁיקְט אַ נְשָׁמָה זָאל פְרֶעגְן אִין הִימְל אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גַן עֵדֶן פַאר פְרוֹיעֶן, דִי נְשָׁמָה אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי: ״אִי רַבִּי״ גֶעוַואלְד רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, ״שִׁית הֵיכָלִין אַחְזִיוּ לִי״ זֶעקְס פַּאלַאצְן פוּן גַן עֵדֶן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען, ״בְּכַמָּה עִנּוּגִין וְעִדּוּנִין״ דָארְט אִיז דָא אַלֶע פַארְגֶענִיגְן, אִין אֵיין הֵיכָל זִיצְט בַּתְיָה דִי טָאכְטֶער פוּן פַּרְעֹה וָואס הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אוּן גֶערַאטֶעוֶועט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן, אוּן מִיט אִיר זִיצְן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת פוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, אוּן יֶעדְן טָאג קוּמְט דָארְט בַּאזוּכְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

אוֹיךְ הָאט דֶער שָׁלִיחַ דֶערְצֵיילְט פַאר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וְוי אִין אֵיין הֵיכָל זִיצְט סֶרַח בַּת אָשֵׁר מִיט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת, אוּן יוֹסֵף הַצַדִיק קוּמְט יֶעדְן טָאג צוּ זֵיי, דָארְט אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען זִיצְט דָארְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אֵיין הֵיכָל זִיצְט יוֹכֶבֶד דִי מַאמֶע פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיט טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן. זֵיי זִינְגֶען דָארְט יֶעדְן טָאג דִי שִׁירַת הַיָּם אוּן אַלֶע צוּגֵייעֶן פוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי שִׁירָה.

אִין דִי פֶערְטֶע הֵיכָל גַן עֵדֶן זִיצְט דְבוֹרָה הַנְּבִיאָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה קוּמֶען אָן אִין דִי הֵיכָלוֹת.

טַעֲנָה׳ט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי עֶקְלְדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קְלַאפְּן אַייךְ אַרָאפּ, זָאגְט זֵיי ׳יָא יָא, טַאקֶע טַאקֶע, גֵיהִנּוֹם, גַן עֵדֶן, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן דִי זַאכְן, אִיךְ וְויל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳; וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ מִיט זֵיי קְרִיגְן וֶועלְן זֵיי וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, נָאר זָאגְט זִיךְ ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ זֶען וְוי אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ״ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

עו. צָרִיךְ קֹדֶם הַתְּפִלָּה לְדַבֵּק אֶת רוּחוֹ בַּבּוֹרֵא, וּמֵחֲמַת הַדְּבֵקוּת יֵצְאוּ הַדִּבּוּרִים מֵעַצְמָן מִפִּיו. פַאר׳ן דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי דְבֵיקוּת וֶועט מַאכְן אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען וֶועלְן פוּן זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיסְגֵיין פוּן מוֹיל.

עז. כְּשֶׁתִּשְׁמַע חֶרְפָּתְךָ וְתִשְׁתּוֹק, תִּזְכֶּה שֶׁיַּעֲנֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּקָּשָׁתְךָ. אַז דוּ וֶועסְט אָפְּשְׁוַוייגְן וֶוען דוּ וֶוערְסְט פַארְשֶׁעמְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְטְפֶערְן דַיין גֶעבֶּעט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן. וְוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הַ-וַ-יָ-ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – ״הַ-וַ-יָ-ה״, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְבָרִים כז ט) הַ׳סְכֵּת וּ׳שְׁמַע יִ׳שְׂרָאֵל הַ׳יוֹם הַזֶה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען וְויל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג וְוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב ״דֶעם שֵׁם הַ-וַ-יָ-ה״. פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וְוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס״ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ׳סְכֵּת וּ׳שְׁמַע יִ׳שְׂרָאֵל הַ׳יוֹם הַזֶה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת וְוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער וְויל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס וְויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

### יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, ״הַיוֹם הַזֶה״ נִהְיֵיתָ לְעָם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וְויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף וְויסְן וֶוען עֶר וְויל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, ״אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?״, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד וְויל אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ ״וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, וְוי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?״

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, ״הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיוֹם וְכוּ׳ - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה״ - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיבּ אָבֶּער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, ״אִיךְ וְויל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה״.

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חַזַ״ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, ״הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָא בְּמִי שֶׁמֵמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ״ - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו׳) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

### אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין וָוארְט

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוּים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פֶּערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כְּתֵּת, דְּאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַּארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, און עֶר וֶועט פַּארְשְׁטֵיין און קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און אֲפִילוּ מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל און עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט דֶעם פַּארֶערְכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הֲוָיָ"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

### מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִּירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵּין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְּבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. און אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ און חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ריד)

תשכג

מִיטְוָואךְ, י"ב תִּשְׁרֵי, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאוֶונְט אִין שׁוּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִּית און תְּפִלִּין, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיי אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן, און פְּלוּצְלִינְג קוּמְט צוּ אִים דֶער מְשַׁמֵּשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מֶעכְל, און רוּפְט רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל שְׁנֶעל קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער רֶבִּי דַארְף וִויכְטִיג רֶעדְן צוּ אִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶעטוּן דִי טַלִּית און תְּפִלִּין און אִיז גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אִין זַיין גְרוֹיסְן צִימֶער, און גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "וואוּ אִיז דַיין סֵפֶר, אִין וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת און עֶס גֶעבִּינְדֶען?" (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תקס"ה), רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן און גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר און עֶס גֶעעֶפְנְט און אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּקְן דֶערִין, עֶר הָאט גֶעמִישְׁט אַהֶער און אַהִין און מְעַיֵּין גֶעוֶוען אִין אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, גֶעוִויסֶע פְּלֶעצֶער מֶער און גֶעוִויסֶע וֵוייניגֶער, און דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָתָן, "גֵיי נֶעם פַּאפִּיר און שְׁרַייבְּט אַרָאפּ דִי הַתְחָלוֹת פוּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם סֵפֶר", דָאס הֵייסְט עֶר זָאל שְׁרַייבְּן אַן אִינְהַאלְט פוּנֶעם סֵפֶר.

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַן אַנְדֶער הוֹיז און אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצְן מַפְתֵּחַ.

וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאנְט צוּ עֶנְדִיגְן אִיז מֶעכְל מְשָׁרֵת גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן מִיט אַ בֶּהָלָה, און גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי רוּפְט אִים אַז עֶר זָאל שׁוֹין קוּמֶען מִיט'ן סֵפֶר און מִיט פַּאפִּיר און שְׁרַייבּ גֶעצֵייג. רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אִין זַיין צִימֶער און גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "זֶעץ דִיךְ אַוֶועק", רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט און עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין סֵפֶר וָואס עֶר הָאט שׁוֹין

<<<<<<

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אוֹיפְהֶערְן פְלִיקְן און שְׁטֶעכְן?



שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ פְּלִיק און אִיךְ שְׁטֶעךְ מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ גֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי זַאךְ, וִויפִּיל מָאל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן מִיט אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת גֵייט עֶס נִישְׁט, אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, און דִי לֶעצְטֶע רֶגַע מוּז אִיךְ גֶעבְּן אַ זָאג אַרַיין, אַ פְּלִיק, און אַ שְׁטֶעךְ.

אִיךְ וַוייס אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אָבֶּער אַזוֹי בֵּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוָואקְסְן, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים רֶעדְן דִי שְׁוֶועסְטֶערְס און בְּרִידֶער נָאר מִיט פְלִיקֶעס און שְׁטֶעכֶערַייעֶן.

אִיךְ מוּז זִיךְ אַרוֹיסְזֶעְן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁנֶעלֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז מַיינֶע קִינְדֶער און דוֹרוֹת זָאלְן אוֹיךְ לַיידְן פוּן דֶעם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֵיי יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר און רֶעד דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, מִיט דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אִיךְ פְּלִיק מֶענְטְשְׁן, אִיךְ שְׁטֶעךְ מֶענְטְשְׁן, און אֲפִילוּ אִיךְ מַאךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ אַז אִיךְ גֵיי קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן - פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ, און אִיךְ שְׁטֶעךְ אַרַיין און פְּלִיק אַרַיין. אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיךְ רֶעד אַרוֹיס פוּן מוֹיל, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן מִיר הַיינְט וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן מַיינֶע מִידוֹת, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אַנְדֶערֶע, יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ' וְכוּ'".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"ה)

אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אַ לַאנְגֶע צַייט פְרִיעֶר, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר וָואס מִיר רוּפְן דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַלֶעס אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט וֶוען עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן דֶעם מוֹרָא'דִיגְן סֵפֶר (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תקפ"ו), אוּן אִין יֶענֶעם טָאג הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען עֶס צוּצוּעֶנְדִיגְן. דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעלֵיינְט וָוארְט בֵּיי וָוארְט, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם סֵפֶר, בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצֶע סֵפֶר.

דָאס שְׁרַייבְּן הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, וַוייל אַלֶעס וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן פְּרִיעֶר (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תקפ"ו), אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר פַארְעֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן צִימֶער, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת. עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט, "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעפְלַאמְט מִיט דֶעם סֵפֶר, בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיבּ עֶס אִיז טָאג אָדֶער נַאכְט, כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, אָבֶער דָאס קְלֵיין בִּיסְל וָואס אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל פַארְשְׁטַאנֶען, הָאט מִיר שׁוֹין אוֹיפְגֶעפְלַאמְט מַיין הַארְץ אוּן מֹחַ, בִּיז אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ אִיךְ בִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט".

אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע חֶסֶד אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָפְּצוּשְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן, בָּרוּךְ הַגּוֹמֵל לְחַיָּבִים טוֹבוֹת, שֶׁגְּמָלַנִי כָּל טוֹב, אִיךְ דַארְף מַמָּשׁ בֶּענְטְשְׁן גוֹמֵל פַאר אַזַא חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**תשכד**

דָאנֶערְשְׁטָאג, י"ג תִּשְׁרֵי, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב צוּ זַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, צוּ מְסַדֵּר זַיין זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן וָואס הָאט אִים אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**תשכה**

**יוֹם טוֹב סוּכּוֹת** אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַלֶע סְעוּדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקַרֵב גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וִוי אַ טַאטֶע צוּ אַ קִינְד הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ אִים זֵייעֶר שֵׁיין אוּן אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען.

**תשכו**

**דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט סוּכּוֹת** בֵּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט פוּן דִי אָנְוֶועזֶנְדֶע וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט דִי וָוארְט "הוּסְט" אוֹיף דִי גוֹי'אִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ. דֶעמָאלְט הָאט דִי הוּסְט קְרֶענְק זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער עוֹלָם נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ רוּפְט מֶען אָן אַ הוּסְט - "גַאסְט". אוּן מֶער הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם.

עֶר הָאט דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (עֵירוּבִין נ"ג:) וִוי רַבִּי אַבָּהוּ פְלֶעגְט רֶעדְן בִּלְשׁוֹן חָכְמָה, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט מַאֲמָרִים. מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מְרַמֵּז צוּ זַיין אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט, דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִי סוּכָּה.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אַלְץ, אָבֶער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער כְּלָל וָואס מִיר וֵוייסְן יָא, אַז אִין אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אֲפִילוּ אִין אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע שְׁפְּרַאכְן, קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ג) אַז אִין אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע שְׁפְּרַאכְן קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת ל"ד:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו', ח') "וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ", לֶערְנֶען חֲזַ"ל אַרוֹיס פוּן דֶעם וָוארְט "טֹטָפֹת" אַז מֶען דַארְף הָאבְּן פִיר פַּרְשִׁיּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין, וַוייל "טַט" מֵיינְט צְוֵויי אִין דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן כַּתְפִּי, אוּן "פַּת" אִין אַפְרִיקֶע מֵיינְט אוֹיךְ צְוֵויי.

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַשָּׂגוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דֶעם הִינְזִיכְט קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן אִיבֶּערְזָאגְן, אֲפִילוּ דָאס בִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעזֶען בְּחוּשׁ וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָפְן פַאר אִים, אִין יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעזֶען אָפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דֶעם, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוער עֶס הָאט עֶס נִישְׁט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מַסְבִּיר זַיין אוּן דֶערְצֵיילְן.

אוֹיבּ מֶען אִיז אָבֶער זוֹכֶה צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אֱמֶת'ן וֶועג, מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מִיט אַן אֱמֶת צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן נִצָּחוֹן, אוּן מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַלֶע סָארְט לֵצִים אוּן לֵיצָנוּת, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת אוּן לִימוּדִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת אוּן אֱמֶת, קֶען מֶען אַבִּיסְל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מְקַשֵּׁר זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אוּן וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט, טְרֶעפְן אוּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מען גרייט צו די פאספארטן פאר אומאן ראש השנה

מיט יעדע פארבייגייענדע טאג ווערט די בענקשאפט צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה שטארקער. מען שפירט אין די לופטן דעם רבינ'ס רוף "קיינער טאר נישט פעלן", "ראש השנה קען איך יעדן פארריכטן", אנשי שלומינו ווילן שוין קויפן טיקעטס צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן. די טראוועל אגענטן אדווערטייזן שוין אינגרויסן די פילע טיקעט אפציעס וואס מען קען נעמען.

עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז אנצוקומען קיין אומאן גייט נישט סתם אז מען קויפט א טיקעט און מען מאכט די פלענער, צוערשט קומט פארשטייט זיך תפילה, וואס אן דעם קען מען דאך גארנישט, בפרט ווען עס קומט צו פארן צום רבי'ן קיין אומאן, פארלייגט זיך דער ס"ם צו שטעלן שטיינער אין וועג. אבער ווי אנשי שלומינו האבן שוין געזען, האט מען מיט תפילות זוכה געווען צו שיינע זאכן, סיי אז די וועג האט זיך אויסגעארבעט על צד היותר טוב, מען איז געקומען מיט פליגערס קיין פוילן, מאלדאווע און פון דארט האט מען גענומען וועגן מיט קארס, ווענס, באסעס אדער באנען קיין אומאן. אזוי אויך אין אומאן זעלבסט האט דער אייבערשטער געהאלפן אז עס האט גארנישט געפעלט, און מען האט גע'פועל'ט ישועות פאר זיך, פאר די משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל.

"נסיעה טרעוול" האט אין די יעצטיגע טעג ארויסגעלייגט א וויכטיגע דערמאנונג אז יעדער וואס דארף באנייען אדער אפלייען פאר א פאספארט פאר זיך אדער פאר די קינדער, זאל עס טון שוין יעצט. ווי די רעגירונג שרייבט אין די יעצטיגע טעג, אז עס וועט נעמען בערך זעקס ביז אכט וואכן צו מאכן א געהעריגע פאספארט, און אפילו "עקספעדייט" נעמט מער פון דריי וואכן. דערפאר איז זייער וויכטיג אז מען זאל זיך שוין אפגעבן דערמיט, און נישט ווארטן אויף שפעטער, ווען עס קען קאסטן אסאך מער טירחה, געלט, און עגמת נפש.

פאר אנשי שלומינו איז צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה א זאך אויף וואס מען קען נישט מוותר זיין, לב יודע מרת נפשו, יעדער וויל תשובה טון, יעדער וויל זיין אן אמת'ער ערליכער איד, יעדער דארף ישועות, ווי אזוי קען מען בלייבן אינדערהיים ווען דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט זיין דער אדוואקאט פאר יעדן וואס קומט צו אים אויף ראש השנה? און כאטש דער ס"ם טוט אונטערלייגן שטיינער און פיסלעך אויף אלע זייטן, טוען אנשי שלומינו מתפלל זיין מען זאל אלעס קענען איבערקומען, און זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.


## ס'גייט מיר שווער

**פארוואס קומט מיר אלעס אן אזוי שווער? סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. פארוואס גייט ביי יעדן געשמירט, און נאר איך מוטשע זיך?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**שיעור ביי 43 מינוט 1, 2, 1, 11, 2, 51**

**ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

**718-387-2691**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יחזקאל סאמעט** שליט"א קרית ברסלב
חשובער מלמד אין אונזער הייליגע מוסדות
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**